# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:08
מוצאי שב"ק...................8:37

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............שמואל-א י"ח-י"ט
בבלי........................שבת כ"ט
ירושלמי..................פסחים נ"ז
תוספתא..................מכשירין ג'
רמב"ם............טוען ונטען י"ב

פרשת צו, שבת הגדול, י' ניסן, שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 28 (442)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וּשְׁמַרְתֶּם אֶת מִשְׁמֶרֶת ה' וְלֹא תָמוּתוּ

דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה – חַיָּיו חַיִּים", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה אִיז אִים דָאס לֶעבְּן אַ לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן נָאר מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם גַּם־כֵּן טוֹב", אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, עֶר לַיידְט יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם – אִיז אִים אוֹיךְ גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף־עַל־פִּי־כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרֵךְ בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים הֶעלְפְן. וַוייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר, "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל, כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת, כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל, וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב, מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם טְרֵייסְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן וַוייל עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אֲבָל עַל־יְדֵי אֱמוּנָה מַה טוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל", אָבֶּער דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה הָאט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן.

אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין ווִילְן, אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט זָאלְסְטוּ וַוייטֶער וֶועלְן זַיין גוּט. כָּל זְמַן דוּ וֶועסְט וֶועלְן, בֶּענְקֶען אוּן גְלוּסְטְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּם דֶעם. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה גֵייט מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס מְחוּתָּנִים, הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִוָואלְטְשִׁיסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְחְמֶעלְנִיק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער וָואלְטְשִׁיסְקֶער רָב הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פֶּערְצִיג יָאר הָאט עֶר גֶעבֶּענְקְט אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; וֶוען דֶער חְמֶעלְנִיקֶער רָב הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעלַאכְט דֶערְפוּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס בֶּענְקְט עֶר אַזוֹי סַאךְ אוּן וָואס אִיז עֶר אַזוֹי מִתְפַּלֵּל אוֹיף דֶעם? אַז מֶען ווִיל פָארְן נֶעמְט מֶען גֶעלְט אוּן מֶען פָּארְט!" וֶוען מֶען הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיר וֶועט זֶען אַז דֶער וָואלְטְשִׁיסְקֶער רָב – ווִיבַּאלְד עֶר בֶּענְקְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל – וֶועט צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווִידֶער דֶער חְמֶעלְנִיקֶער רָב – וָואס זָאגְט אַז מֶען נֶעמְט גֶעלְט אוּן מֶען פָּארְט – וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער רָצוֹן; ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ בֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּענְקְט אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים – וֶועט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תש"פ)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת הַגָּדוֹל

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם שַׁחְרִית, הֲלָכָה ב') אַז דֶער שַׁבָּת הֵייסְט "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁען גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים ד') כִּי מִי גוֹי "גָּדוֹל" אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו – וֶוער אִיז נָאךְ אַזַא "גְרוֹיס" פָּאלְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי נָאנְט צוּ זֵיי וֶוען זֵיי רוּפְן צוּ אִים, זֶעט מֶען אַז מִיר הֵייסְן אַ גְרוֹיס פָּאלְק וַוייל מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּנְז.

נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מְלָכִים ב, ח) סַפְּרָה נָּא לִי אֵת כָּל "הַגְּדֹלוֹת" אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלִישָׁע – דֶערְצֵייל מִיר דִי "גְרוֹיסֶע" זַאכְן וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּן, זָאגְט דִי גְמָרָא (מְגִילָּה כ"ז) אַז אַלֶע נִיסִים וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּן אִיז גֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעט מֶען ווִידֶער אַז וֶוען מֶען מַאכְט נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה הֵייסְט דָאס "גָּדוֹל" – "גְרוֹיס".

דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁען גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הֵייסְט דָאס שַׁבָּת "הַגָּדוֹל" – דֶער "גְרוֹיסֶער" שַׁבָּת.

דֶער טוּר בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ת"ל) אַז אִין שַׁבָּת הַגָּדוֹל הָאבְּן דִי אִידְן גֶענוּמֶען אַ לֶעמֶעלֶע וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי מִצְרִיִּים אוּן עֶס צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם בֶּעט, כְּדֵי דָאס צוּ שֶׁחְטְ'ן פַאר אַ קָרְבָּן פֶּסַח, אוּן דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעקְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁען נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ אַ נֵס וָואס הָאט דֶעמָאלְט פַּאסִירְט וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה; וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן, מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ רְפוּאָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מִיר זָאלְן עֶפֶּענֶען אוּנְזֶער מוֹיל צוּ אִים, מֶען זָאל זִיךְ וֶוענְדְן צוּ אִים, אִים בֶּעטְן פַאר רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ, דָאס מִיר זָאלְן אַנֶערְקֶענֶען אַז מִיר קֶענֶען גָארְנִישְׁט; מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין אַ מַצָּב וָואס אַלֶע זֶעעֶן וִוי דֶער (דְּבָרִים ח, יז): "כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי" אִיז צֶעזֶעצְט אוּן צֶעשְׁמֶעטֶערְט, נִישְׁט דָא אוֹיף וֶועמֶען זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן; יֶעדֶער אִיז מוֹדֶה אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין עֵצָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי מַחֲלָה קָארָאנֶע. אַלֶע שְׁטַארְקֶע לֶענְדֶער, אַלֶע מֶעכְטִיגֶע לֶענְדֶער שְׁטֵייעֶן פַארְלוֹירְן אוּן זָאגְן אָפְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֵצָה, אַלֶע זָאגְן מִיט אַן אָפֶענֶעם מוֹיל (סוֹטָה מט): "עַל מִי לָנוּ לְהִשָּׁעֵן? עַל אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם", נִישְׁט דָא אוֹיף וֶועם זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תש"פ)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וֶועט אִיר אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים גִיךְ אוֹיסְהֵיילְן אוּן אִיר זָאלְט בַּאקוּמֶען הִימְלִישֶׁע כּוֹחוֹת צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת; אִיר הָאט שׁוֹין אַסַאךְ שְׁוֶועֶרֶע מַצָּבִים אִיבֶּערְגֶעטְרָאגְן, יֶעצְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן אוֹיפְהֵייבְּן הֶענְט, יֶעצְט דַארְף מֶען זַיין אַ הֶעלְד. מֶען דַארְף אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, מֶען טָאר נִישְׁט קְרֶעכְצְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ חֲשׁוּבֶ׳ע בַּאבֶּע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, זִי אִיז גֶעוֶוען אַ הֶעלְדִישֶׁע פְרוֹי, זִי הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי קְרִיג נָאר וַוייל זִי הָאט גֶעוָואלְט. זִי פְלֶעגְט אוּנְז זָאגְן יֶעדֶע מָאל מִיר זֶענֶען אִיר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן: ״אִיר וֵוייסְט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דֶעם קְרִיג? נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט לֶעבְּן; אַלֶע זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען אוּן אִיךְ לֶעבּ, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט לֶעבְּן״; זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ דִי לֶעצְטֶע יָארְן, אָבֶּער זִי פְלֶעגְט אַלְץ וַוייזְן אַ פוֹיסְט אוּן זָאגְן: ״אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל כֹּחַ״.

מַאכְטְס אַ פוֹיסְט - אַ סִימָן פוּן שְׁטַארְקַייט אוּן זַייטְס אַ הֶעלְדִישֶׁע מַאמֶע; וֶוערְטְס נִישְׁט פַארְלוֹירְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אִיר וֶועט זַיין גֶעזוּנְט, אֵייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער - אַלֶע וֶועלְן זַיין גֶעזוּנְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תש״פ)

# וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן יְרוּשָׁלַיִם, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים; וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן הָאט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, מֶען לֶעבְּט מִיט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, דִי אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי קְלָאר, מֶען שְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס.

יֶעצְט וֶוען דִי וֶועלְט אִיז אִין אַזַא שְׁרֶעק זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ח׳, אוֹת ח): ״וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ׳שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת׳״, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן אֱמֶת׳ער צַדִּיק וָואס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, ״כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה״, וַוייל אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת׳ן צַדִּיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; דָאס בַּאקוּמְט מֶען וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי׳ן, אַלֶע קַשְׁיוֹת, סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים גֵייעֶן אַוֶועק אוּן דִי אֱמוּנָה שַׁיינְט אוּן לַייכְט, מֶען לֶעבְּט מִיט אַן אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת.

זָארְגְט נִישְׁט פוּן וואוּ אִיר וֶועט הָאבְּן אוֹיף צָרְכֵי פֶּסַח, אַלֶע וֶועט אִיר הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זָארְגְן וֶוען מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, פְרֵיילִיכֶע אִידְן. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז זִיךְ גֶעקוּמֶען אָפְּרֶעדְן צוּ אִים אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: ״אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, אָבֶּער וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?״ מֶען זֶעט בְּחוּשׁ אַז וֶוען עֶס קוּמְט אָן דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט לְמַעֲשֶׂה יֶעדֶער אֵיינֶער וַויין, מַצּוֹת אוּן כָּל טוּב וְטוּב; אִידְן פַארְטֵיילְן שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער פַאר צְדָקָה, מֶען טֵיילְט מַצּוֹת אוּן אַלֶע סָארְטְן עֶסְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, אָבֶּער וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?״ וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּה-סָח - דָאס רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ רֶעדְן צוּ דִיר אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר. הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן אַ רֵיינֶע הַארְץ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיסְרֵיינִיגְן מַיינֶע אֵבָרִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין חָמֵץ׳דִיג פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע״.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ אַייךְ, מַיין הַארְץ אִיז מִיט אַייךְ; בִּפְרַט מִיט דִי מְפִיצִים וָואס רוּעֶן נִישְׁט, נָאר גֵייעֶן טָאג אוּן נַאכְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן מֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה; מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר פְרֶעגְן גָארְנִישְׁט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר ווילְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; מִיר ווילְן נָאר טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט אוּן ווִיל.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אַלֶע אִין הֲפָצָה; יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶע וֶועלְן נֶעמֶען דִי סְפָרִים, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְלוֹירְן, מֶען זוּכְט אַבִּיסְל חִיזּוּק, נָאר דֶער רֶבִּי הָאט חִיזּוּק.

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תש״פ)

>>>>>>

אִין מֶדְרָשׁ (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים מִזְמוֹר קל״ו) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעזָאגְט דִי מִצְרִיִּים אַז דִי בְּכוֹרִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן, זֶענֶען אַלֶע בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע טַאטֶעס אוּן גֶעזָאגְט: ״בִּיז יֶעצְט אִיז גֶעשֶׁען אַלֶעס וָואס מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט, ווילְט אִיר נִישְׁט אַז מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן לֶעבְּן? לָאזְט אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועלְן מִיר שְׁטַארְבְּן!״ הָאבְּן דִי טַאטֶעס גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אֲפִילוּ אַלֶע מִצְרִיִּים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן מִיר נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן דִי אִידְן פוּן דָא!״, זֶענֶען דִי בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן: ״לָאז אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן דָא, מִיר הָאבְּן נָאר צָרוֹת פוּן זֵיי״, הָאט פַּרְעֹה גֶעהֵייסְן זַיינֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן פַארְטְרַייבְּן דִי בְּכוֹרִים. וָואס הָאבְּן דִי בְּכוֹרִים גֶעטוּן? יֶעדֶער הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד אוּן גֶע׳הַרְגְ׳ט זַיין טַאטֶע, ״לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם״, זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מִצְרִיִּים זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶע׳הַרְגְ׳ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי בְּכוֹרִים.

זֶעט מֶען דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעשֶׁען, אוּן אַלֶעס נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן עֶס טַאקֶע גֶעטוּן, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז גֶעשֶׁען דִי נִיסִים, אוּן דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת ״שַׁבָּת הַגָּדוֹל״.

### דֶער שֵׂכֶל אִין גָלוּת

בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גֶעוֶוען דֶער עִיקָר גָלוּת מִצְרַיִם, אַז דֶער שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער כֹּחַ, אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס אוֹיסְ׳פּוֹעֶלְ׳ן מִיט תְּפִלָּה, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס פּוֹעֶלְ׳ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּן אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח״ - ״פֶּה-סָח״ אַז דֶער מוֹיל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט אִין ״שַׁבָּת הַגָּדוֹל״ דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם מִצְרַיִם, מֶען זָאל וִויסְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע כּוֹחוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז זֵייעֶר לִיבּ, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְ׳פּוֹעֶלְ׳ן בַּיי אִים, מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן פ״ח): דֶעם טַעַם פַארְוָואס מֶען דְרֵייט אִיבֶּער דֶעם טִישׁ אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל. וַוייל דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְ׳ן דִיבּוּר, אוֹיף רֶעדְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל מא, כב) ״וַיְדַבֵּר אֵלַי זֶה ״הַשֻּׁלְחָן״ אֲשֶׁר לִפְנֵי ה׳. דֶערְפַאר דְרֵייט מֶען אִיבֶּער דֶעם טִישׁ וַוייל דֶער דִיבּוּר וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט. פַאר מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִיז דֶער דִיבּוּר נָאךְ גֶעוֶוען אִין גָלוּת, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן ״פֶּסַח״ - ״פֶּה-סָח״, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן, אִיז דֶער דִיבּוּר אַרוֹיס פוּן גָלוּת.

עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, אַז אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל עֶסְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם גֶעוֶוענְלִיכְן פְּלַאץ וואוּ מֶען עֶסְט גֶעוֶוענְלִיךְ שַׁבָּת, וַוייל דָארְט אִיז שׁוֹין גְרֵייט פַאר פֶּסַח, מֶען עֶסְט אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע טִישׁ. זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז פַאר פֶּסַח אִיז דֶער טִישׁ, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְנִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ. בִּיז עֶס קוּמְט פֶּסַח, עֶסְט מֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵדֶר שׁוֹין אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ, וַוייל דֶעמָאלְט גֵייט יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַזוֹי וִוי מֶען עֶסְט טַאקֶע נִישְׁט שַׁבָּת הַגָּדוֹל אוֹיף דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע טִישׁ, קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט מְסוּדָר אַלֶעס וִוי נָארְמַאל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״ח) אַז דֶער עִיקָר פַּרְנָסָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוענְדְט זִיךְ צוּ עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, וַוייל כַּעַס נֶעמְט אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה. דֶערְפַאר אוֹיבּ וִויל מֶען טַאקֶע פַארְרֶעכְטְן דֶעם טִישׁ אוּן בַּאקוּמֶען גְרוֹיס שֶׁפַע אוֹיף פֶּסַח, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן קֵיינְמָאל, אוּן פִירְן דֶעם שַׁבָּת הַגָּדוֹל מִיט רוּאִיגְקֵייט אוּן פְרֵייד, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

### דִי זִיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

שַׁבָּת הַגָּדוֹל זָאגְט מֶען דִי הַפְטוֹרָה פוּן ״וְעָרְבָה לַה״, דָאס הָאט

<<<<<<

>>>>>>

שַׁייכוּת מִיט שַׁבָּת הַגָּדוֹל, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט דָארְט בַּיים סוֹף דֶעם פָּסוּק "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' 'הַגָּדוֹל' וְהַנּוֹרָא", מִיר וַוארְטְן שׁוֹין וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער "יוֹם הַגָּדוֹל", וֶוען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמְט אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'" - וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיי דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, הָאט עֶר זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ בָּשָׂר וָדָם, אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי גְרוֹיס אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַז עֶר וֶועט זַיין דֶער וָואס וֶועט קוּמֶען זָאגְן דִי בְּשׂוֹרָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז מָשִׁיחַ קוּמְט אוּן יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר אִים דִינֶען.

דָאס אִיז דִי הֲכָנָה וָואס מִיר גְרֵייטְן זִיךְ יֶעצְט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וֶוען מֶען וֶועט צוּגְרֵייטְן דֶעם כּוֹס פַאר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוּן עֶפֶענֶען דִי טִיר פַאר אִים, צוּ וַוייזְן אַז מִיר נֶעמֶען אָן דִי לִמּוּדִים וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט אִים זִיס דָאס לֶעבְּן, אוּן מִיט דֶעם הוֹיבְּט מֶען אָן דִי הַפְטוֹרָה "וְעָרְבָה לַה'" - דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ זִיסְקֵייט פַארְן מֶענְטְשׁ.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זִיךְ צוּ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ שַׁבָּת הַגָּדוֹל)

## דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת

צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דִי סֵדֶר נַאכְט אִיז אַ סֵדֶר פַאר דִי גַאנְץ יָאר.

וָואס זָעעָן מִיר בַּיים סֵדֶר נַאכְט? אַז דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת, אוּן דֶער טַאטֶע עֶנְטְפֶערְט זֵיי. דָאס אִיז וָואס מִיר דַארְפְן מַאכְן פַאר אַ סֵדֶר אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר, אַז וֶוען דַיין קִינְד פְרֶעגְט דִיר קַשְׁיוֹת, זָאלְסְטוּ אִים עֶנְטְפֶערְן.

עֶלְטֶערְן כַאפְּן נִישְׁט וִוי וַוייט מְ'דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אַ קִינְד קֶען פְרֶעגְן נַארִישֶׁע קַשְׁיוֹת, אוּן אוֹיב דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל, וֶועלְן זֵיי אִים אַרָאפְּקְלַאפְּן, "הֶער שׁוֹין אוֹיף מִיט דַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין נֶערְוֶוען צוּ דִיר מִיט דַיינֶע נַארִישֶׁע קַשְׁיוֹת", אוּן מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט מֶען צֶעקְלַאפְּט דֶעם מוּט פוּנֶעם קִינְד, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין מוֹרָא הָאבְּן צוּ עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

נִישְׁט אֵייבִּיג דַארְף דָאס קִינְד טַאקֶע אַזוֹי וִוִיכְטִיג דֶעם תֵּירוּץ, צוּמָאל עֶר דַארְף מֶער דִי אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַארְ'ן פְרֶעגְן דִי קַשְׁיָא. וֶוען דַיין קִינְד פְרֶעגְט עֶפֶּעס, סַיי וָואס, טְרַאכְט אַ סֶעקוּנְדֶע אֵיידֶער דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף אִים אוּן דוּ קְלַאפְּסְט אִים אַרָאפּ, נוּץ אוֹיס דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ שְׁמוּעֶסְן אַבִּיסְל מִיט אִים, אִים גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט וִוי גוּט אוּן וִוי קְלוּג עֶר אִיז, אוּן מִיט דֶעם אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֶען פִיל אִידִישׁ נַחַת פוּן אִים.

## דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה וֶועט הֵיילְן אַלֶע קְרֶענְק

מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה וֶועלְן מִיר מְבַטֵּל זַיין אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן חֳלָאִים רָעִים; מַצָּה אִיז אַ מֶעדֶעצִין, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ רוּפְט דָאס אָן (פַּרְשַׁת בֹּא, מא:) "מֵיכְלָא דִּמְהֵימְנוּתָא", אַן עֶסְן פוּן אֱמוּנָה; וַוייל דוּרְךְ מַצָּה וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה. ווידֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ (פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:) רוּפְט עֶס דֶער זוֹהַר אָן: "מֵיכְלָא דְּאַסְוָותָא", אַן עֶסְן פוּן רְפוּאָה; מַצָּה הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִיז דָאס אֵיין זַאךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת אוּן זֵיי לַיידְן דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מֶען עֶסְט מַצָּה אוּן עֶס וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

קוֹיף זִיךְ אַיין מַצָּה, קוּק נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט; מֶען דַארְף צָאלְן גֶעלְט פַאר אַ מִצְוָה. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת, קכח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כה, ב) "וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי - הַאי מַאן דְּבָעֵי לְאִשְׁתַּדְּלָא בְּמִצְוָה, וּלְאִשְׁתַּדְּלָא בֵּיהּ בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אִצְטְרִיךְ דְּלָא יִשְׁתַּדֵּל בֵּיהּ בְּרֵיקָנַיָּיא וּבְמַגָּנָא, אֶלָּא אִצְטְרִיךְ לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאִשְׁתַּדְּלָא בֵּיהּ כַּדְקָא יָאוֹת כְּפוּם חֵילֵיהּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה דַארְף מֶען בַּאצָאלְן גֶעלְט פַאר דִי מִצְוָה, דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תש"פ)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## דַארְף מֶען זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייטְן צוּ טְרֶעפְן אַ מִנְיָן אוּן מִקְוֶה?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּט מִיר חִיזּוּק כְּסֵדֶר. אִיךְ וואוֹין נִישְׁט אַמֶעריקֶע, אָבֶּער אוֹיךְ דָא קוּמְט אָן דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן מִיר הַאלְטְן מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן.

יֶעצְט אִיז דָא פַארְשְׁפַּארְט אַלֶע יְשִׁיבוֹת, חֲדָרִים, בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים, אוּן מִקְוָאוֹת, צוּלִיבּ דִי קָארָאנֶע וֵוייררוּס. סְ'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ מִנְיָן אוּן אַ מִקְוֶה, ווִיל אִיךְ ווִיסְן ווִיפִיל אִיךְ דַארְף זִיךְ אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען יָא צוּ זוּכְן אַ מִקְוֶה אוּן אַ מִנְיָן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְן מִיר ווִיסְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר פַארְגֶעסְן נִישְׁט קַיין אֵיין רֶגַע פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר וֵוייסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז עֶר אוּן נָאר עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין; אַלֶעס אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיין וָואס פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, עֶר פִירְט דָאס מִיט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט.

וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ; מֶען לֶעבְּט מִיט בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר גֶעבְּט לֶעבְּן אוּן עֶר וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַחֲלָה פוּן קָארָאנֶע אוּן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת וְחֳלָאִים רָעִים.

יֶעצְט דַארְפְן מִיר מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה כו, כ): "לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ, חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָר זָעַם"; עֶס אִיז אַ צַייט וָואס מִיר דַארְפְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן זִיךְ דְרֵייעֶן אִין גַאס וְכוּ'. מִיר דַארְפְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

יֶעצְט וֶוען אַלֶע מִקְוָאוֹת זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן קֶען מֶען נוּצְן ט' קַבִּים וַואסֶער אַנְשְׁטָאט מִקְוֶה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר פַאר מֶענֶער אוּן נָאר ווִילַאנְג עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מִקְוָאוֹת.

אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִנְיָן דַאוֶוענְט מֶען אָן מִנְיָן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אוּן וֵוייסְט וִוי שְׁטַארְק מֶען ווִיל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אוּן עֶר נֶעמְט עֶס אָן אַזוֹי וִוי מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ זָאל אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּנֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, עֶס זָאל מְקוּיָּם וֶוערְן (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אוּן עֶר זָאל אוּנְז אַהֵיים טְרָאגְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים", אָמֵן.

**אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תש"פ)




**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908**

BreslevCenter.com\answers

## דִּי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (נח)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אִין טְבֶרְיָה, וואוּ עֶר רַאטֶעוֶועט דִי אָרְטִיגֶע אִידְן פוּן אַ גֶעפֶערְלִיכֶער מָסוּר וָואס טוּט זֵיי אָן גְרוֹיסֶע צָרוֹת.**

**רנח**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען צוּם קֶבֶר פוּן זַיין זֵיידְן, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע, וָואס לִיגְט אִין טְבֶרְיָה.

**רנט**

מֶען הָאט גֶעדִינְגֶען אֵייזְלֶען, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן צוּזַאמֶען מִיט אַסאךְ אִינְגֶעלַייט קַיין מִירוֹן, צוּם צִיוּן הַקָדוֹשׁ פוּנֶעם תַּנָא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי.

אָנְקוּמֶענְדִיג אִין דִי מְעָרָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן פַאר דִי אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין אוּן לֶערְנֶען זֹהַר, אָבֶער אִים אַלֵיין הָאט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעזֶען טוּן, עֶר אִיז נָאר גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶע פָּאר מִינוּט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק וָואס אִיז אוֹיךְ מִיטְגֶעקוּמֶען אַהִין, אוּן אִים גֶעזָאגְט, "וואוֹיל אִיז דִיר", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בַּיינַאכְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטוּב צוּ שְׁטוּב אוּן אָנְגֶעזָאגְט פַארְ'ן עוֹלָם צוּ זָאגְן זֹהַר, אוּן דָאס גְלַייכְן, עֶר אַלֵיין הָאט אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, עֶר אִיז נָאר אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזִינְגֶען צוּ זִיךְ אַלֵיין, אוּן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ בִּיז צוּם זוּן אוֹיפְגַאנְג.

אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטוּן טַלִית אוּן תְּפִלִין אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת.

**רס**

פוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם צוּ דִי מְעָרָה פוּן הִלֵל הַזָקֵן, דָארְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים ל"ג אוּן ל"ד, אוּן דָארְט אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

פוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם קֶבֶר פוּן שַׁמַאי הַזָקֵן, וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ בַּארְג קֶעגְן אִיבֶּער דִי מְעָרָה פוּן הִלֵל, אוּן דָארְט אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַן עַצְבוּת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ זֵייעֶר פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַ תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעזָאגְט דֶעם תֵּירוּץ.

**רסא**

פוּן דָארְט זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ נָאךְ קִבְרֵי צַדִיקִים, אוּן דַאן זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הוֹיכְן בַּארְג נֶעבְן צְפַת צוּ דִי מְעָרָה פוּנֶעם תַּנָא רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאֵי. סְ'אִיז אָבֶער נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ אַרוֹיפְצוּגֵיין אַהִין מִיטְ'ן אֵייזְל, אִיז דֶער רֶבִּי אַרָאפְּגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּנֶעם אֵייזְל אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אַלֵיין מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער אַרוֹיף דֶעם בַּארְג. עֶר אִיז כִּמְעַט גֶעקְרָאכְן מִיט דִי הֶענְט אוּן דִי פִּיס בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם מְעָרָה, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעוֶוען פַאר אַבִּיסְל.

צוּרִיק קוּמֶענְדִיג פוּן דָארְט, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ מְעָרָה פוּן אַ יְנוּקָא, אוּן אִין יֶענֶעם מְעָרָה פְלֶעגְן מֶענְטְשְׁן מוֹרָא הָאבְּן אַרַיינְצוּגֵיין, וַוייל מְ'הָאט גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז דָא אַ שְׁלַאנְג בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּ דִי מְעָרָה.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, עֶר אִיז יָא אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אַהִין, סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ וָוארְצְל פוּן אַ בּוֹים וָואס אִיז גֶעלָאפְן אִין דִי מְעָרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט אוֹיף דֶעם וָוארְצְל אוּן אִיז אַזוֹי אַרַיין, אוּן סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שוּם שְׁלַאנְג דָארְט. אוּן פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער הָאבְּן מֶענְטְשְׁן אָנְגֶעהוֹיבְן אַרַיינְצוּגֵיין אַהִין אָן קַיין פַּחַד.

אַזוֹי זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַלֶע מְעָרוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט קַיין טְבֶרְיָה.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## לאור המצב קומט ארויס

## א נייע סידי "טאנץ מיט קאראנע"

די וועלט האלט זיך נאך אינמיטן שאקלען מיט די קאראנע ווירוס, דער אייבערשטער ווייזט יעצט פאר די גאנצע וועלט אז נאר ער איז דער איינציגסטער בעל הבית אויף דער וועלט, קיינער קען גארנישט טון צו די שרעקליכע ווירוס, נאר אויפהויבן דעם הענט צום הימל, זיך ווענדען צום אייבערשטן און אים בעטן זיין הילף.

אין די יעצטיגע קאראנע צייטן זענען אידן זיך מחי' מיט די עצות און דיבורים פון הייליגן רבי'ן, וואס נאר ער האט די שפראך צו יעדן אידיש קינד, אין יעדן מצב, ער ברענגט אריין אמונה אין אידישע קינדער, אז מ'זאל זיך נישט שרעקן פון קיין שום זאך, וויסן אז קיין שום שלעכטס קען נישט פאסירן צו א מענטש אן א באפעל פונעם אייבערשטן אליין, מיר ליגן אלע אין די הענט פונעם אייבערשטן, נאר צו אים דארף מען זיך ווענדן, און נאר ער קען אונז העלפן, סיי ווען ס'איז דא א קאראנע ווירוס אויף דער וועלט, און סיי ווען נישט.

מיט'ן רבינ'ס דיבורים קען מען זיך שטארקן איבער די פחדים, נישט צו ווערן ארייגעשלעפט אינעם פאניק און פארלוירנקייט, וואס דאס העלפט סיי ווי נישט אויף קיין שום פאל. די מפיצים געבן איבער אז די ספרים, קונטרסים, גליונות, און סידים, ווערן צעכאפט דורך יעדן איינעם, אידישע קינדער זענען זיך ממש מחי' און לעבן אויף, ווען זיי הערן און ליינען די ווערטער פון הייליגן רבי'ן, וואס בארואיגט דעם מענטש פיזיש און גייסטיש, זיך צו קענען ספראווען מיט די איבערפלוס פון פאניק וואס ווערט פארשפרייט אויף דער וועלט.

לאור המצב האט דער ראש ישיבה שליט"א פארפאסט זעקס ניגונים איבער די קאראנע ווירוס, פול מיט עצות און חיזוק אויף קאראנע, ווי אזוי זיך צו שטארקן מיט אמונה און מיט שמחה, נאר בעטן דעם אייבערשטן אויף א גאנצע רפואה פאר אלע קראנקע, און אלע געזונטע זאלן בלייבן געזונט, און זיך מחזק זיין אז די שווערע צייטן וועלן אריבערגיין, דער אייבערשטער וועט אונז אויסלייזן פון אלע צרות.

די ניגונים איז צוזאמגעשטעלט געווארן אין דעם נייעם סידי "טאנץ מיט קאראנע", וואס איז דא צו באקומען ביי אלע מפיצים, ווי אויך קען מען הערן די ניגונים אויפ'ן "קול אמונה" טעלעפאן ליין (זעט די נומערן ביים סוף פונעם גליון), און דרוקט 1 און 1 און 7 און 1.

ביי די ספעציעלע קאראנע אפטיילונג אויפ'ן ליין קען מען אויך הערן קורצע און לענגערע שיעורים איבער דעם ווירוס, עצות און חיזוק ווי אזוי זיך אומצוגיין אין דעם יעצטיגן מצב, ווי אויך קען מען הערן פארגעליינט דעם קונטרס "קאראנע ווירוס", און אויך א תפלה צו מתפלל זיין אויף קאראנע, אינטערוויוס איבער קאראנע, קאראנע חדר, און נאך.

לאמיר זיך שטארקן מיט די פשוטע אמונה, זיך צוריק קערן צום אייבערשטן, וואס דאס איז די גאנצע סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט געברענגט דעם ווירוס, און אזוי וועלן מיר געראטעוועט ווערן פון אלע שלעכטס.

**לך עמי בא בחדריך וסגור דלתיך בעדך, חבי כמעט רגע עד יעבור זעם!**

***

## לעצטע געלעגנהייט זיך משתתף צו זיין אינעם "קמחא דפסחא" קאמפיין

אין די לעצטע וואך פאר דעם יום טוב פסח, גייט ווייטער אן די קמחא דפסחא קאמפיין צוזאם צו שטעלן געלט צו קענען אויסצאלן אלע איינגעשטעלטע אין אונזערע מוסדות אויף פסח.

עס האלט יעצט ביי א מצב אז מען איז שולדיג איבער הונדערט טויזנט דאלער פאר די איינגעשטעלטע פון די מוסדות, פון די ישיבה, פון די תלמוד תורה און די סקול.

אין די יעצטיגע שווערע צייט, ווען די מוסדות זענען אפגעשלאסן, איז נאך פיל וויכטיגער צו שטיצן די חשובע מלמדים און איינגעשטעלטע וועלכע געבן זיך איבער בלב ונפש פאר די קינדער במשך די גאנצע יאר אין די פרידנס צייטן, און יעצט מוטשען זיי זיך צו קענען איינקויפן לכבוד יום טוב. מיט אייער ברייטע נדבה וועט איר קענען אריינברענגען א ליכטיגקייט אויף יום טוב אין פילע אידישע שטיבער.

אין די לעצטע יארן איז דער קאמפיין געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע הצלחה מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, אנשי שלומינו האבן זיך זייער ווארעם אנגערופן מיט גרעסערע סכומים, און מען האט געקענט אויסצאלן אלע איינגעשטעלטע פאר פסח און זיי פארשאפט א שמחת יום טוב. מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן אידן זיך אנרופן ווארעם אויך דאס יאר, און מיט דעם האבן א גלייכע חלק אין די הייליגע ארבעט. רופט אריין צו געבן אייער ברייטהארציגע נדבה, **718-384-1652 #101**. און לאזט איבער א מעסעדזש, אדער קענט איר טעקסטן צו 917-746-7317

**כל דכפין ייתי ויכול!**


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**



## קאראנע ווירוס!

**קאראנע ניגונים, קורצע און לענגערע שיעורים איבער די קאראנע ווירוס, קאראנע חדר, קונטרסים, תפלות, אינטערוויוס, און נאך:**

**קול ברסלב**

**212-444-9191** 1, 1, 7


## על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון

**לעילוי נשמת**

**ר' צבי דוב בן ר' אברהם משה הלוי ז"ל**

**תהא נשמתו צרורה בצרור החיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**